בעזהשי"ת

# דבר חריף

נלקט משיעוריו של

הגה"צ ר' **יהושע העשיל שארף** שליט"א

רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

פרשת אחרי

הוצאת מובחר

## צו הערן שיעורים

**אויף א דירעקטע ליין פון**
**מערכת קול לשון**

**אין ארץ ישראל – 073.321.1792**

**אין אמעריקא - 646.934.6134**

# פרשת אחרי

**ס'איז** לעבעדיג אין דער וועלט, רוסלאנד און אוקריינא איז נאך נישט אראפ פון די מאפע, בתרי אנפין, סיי ס'איז נישט אראפ פון די מאפע אז מ'רעדט נאך פון דעם, און סיי אוקריינא איז שוין האלב אראפ פון די מאפע אבער רוסלאנד איז נאך גאנץ. ממה נפשך זענעןביידע נישט אראפ פון די מאפע.

**די** תקופה וואס מ'געפינט זיך יעצט, די ימי הספירה, ספירה איז די לשון ספיר ויהלום, ס'איז שיינענדיגע טעג, שטייט אז ס'איז א בחינה פון חול המועד צווישן פסח און שבועות, די טעג זענען געגעבן געווארן אויף חשבון הנפש, אויף תשובה ומעשים טובים, מתקן צו זיין די חטא פון תלמידי רבי עקיבא וואס לא נהגו כבוד זה בזה, שטייט נישט אז זיי האבן זיך געקריגט איינער מיטן צווייטן, נאר שלא נהגו כבוד זה בזה, זיי האבן נישט ריכטיג משער געווען די כבוד פון א איד.

**ס'איז** געווען א מעשה ביים בעל קצות החושן ר' שלמה זלמן מרגליות האט געלעבט אין די צייטן פון די דברי חיים די וואך איז די יארצייט פון הייליגן דברי חיים, וואס די דברי חיים האט געהאט א טאכטער וואס האט געארבעט ביי ר' שלמה זלמן מרגליות וואס חוץ דעם וואס ער איז געווען א גדל בתורה איז געווען ביי אים תורה וגדולה במקום אחד און די דברי חיים האט געהאט א טאכטער וואס איז געווען א סעקרעטאר ביי ר' שלמה זלמן מרגליות, און אמאל האבן זיך די צוויי צדיקים געטראפן, האט צאנזער רב געפרעגט די קצות החושן פארוואס דיינע ספרים זענען אזוי אנגענומען אין די וועלט, און מיין ספר איז נישט אזוי אויפגעכאפט. האט ער אים געזאגט זייער פשוט איך האב נישט אריינגעלייגט אלע מיינע חידושים אין מיין ספר איך האב ארויסגענומען צוויי דריטלעך און אריינגעלייגט א דריטל איך האב אריינגעלייגט די שענסטע חידושים וועגן דעם איז עס אזוי אויפגעכאפט און די קדושת ציון ווען ער האט פארציילט די מעשה האט ער געזאגט מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה

עשית, דוד המלך זאגט אז דער איבערשטער באשאפט נאר קצות'ן.

**די** הייליגע דברי חיים האט אמאל געזאגט כלפי מעלה ער האט געזאגט צום הייליגן באשעפער, באשעפער דו ווייסט אז אויב מ'וויל פוילען א ישועה פאר א איד וועט ער איינשטעלן זיך אליינס זיין בני בית זיין ווייב זיין רעבעצין זייער קינדער און קינדס קינדער עד סוף כל הדורות פאר יעדע ישועה וואס ער דארף פוילען.

**וואס** הייסט, ס'איז אמאל אנגעקומען צוויי אידן צום צאנזער רב, איין איד האט געווארט אויף קינדער לאנגע יארן, און ווען ער איז אריינגעקומען צום דברי חיים האט ער אים אפגעשטופט יעצט איז נישט קיין שעת הכושר, די צווייטע איד איז געווען פון דייטשלאנד א מאדערנע איד, ער האט אויך געווארט פאר קינדער און גלייך ווען ער איז אריינגעקומען צום צאנזער רב האט ער אים גלייך געזאגט ביז א יאר א בן זכר, און ער איז געהאלפן געווארן.

**און** די איד וואס האט יארן לאנג געווארט פאר קינדער ער איז געווען א דוירכגעקוויטע חסידישע איד א צאנזער חסיד, ער איז געקומען צום צאנזער רב, און ער פרעגט אים, רבי, איך ווארט שוין אזוי לאנג אויף קינדער און ווען איך גיי אריין צו דיר שטופט די רבי מיך אפ, און וואס איז מיט די איד א דייטשע איד א מאדערנע איד געבט מען גלייך א ישועה, היתכן.

**האט** צאנזער רב געזאגט, וואס זאל איך דיר זאגן, דער דייטשע איד ער וועט צוריק פארן קיין דייטשלאנד מ'וועט עהרן אז ער האט יארן לאנג נישט געהאט קיין קינדער, וועט מען זעהן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, כדי די אידן פון דייטשלאנד די מאדערנע אידן זאלן זעהן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, לויט זיך איינצושטעלן די ווייב און קינדער עד סוף כל הדורות, אבער דו ביסט דאך א מאמין ביזט א ערליכער איד איז אויף דעם פעלט נישט אויס איינצושטעלן.

**אויף** דער צווייטער וועג האט מען געהערט פון צאנזער רב אז ער האט זיך אויסגעדריקט כלפי מעלה, און ער האט געזאגט, באשעפער דו ווייסט אז איך טו דאך גארנישט דו טוסט אלעס, און די חסידים גלייבן אין מיך, אבער וואס קען מען טון ווי נישט ווי זעהן זיי אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. די צדיקים וואס מ'האט אונז געגעבן איז פאר איין סיבה צו ווייזן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

**די** תפארת שלמה קאכט אין דעם שטענדיג, אלע חסידישע ספרים קאכן אין דעם אז מ'דארף זיין דבוק אין א צדיק, און די עבודה פון די צוויי

צדיקים אין די וואכעדיגע סדרה ויהי אחרי מות בני אהרן, שטייט אין באר מים חיים א באקאנטע שמועס, אז זיי זענען אויסגעגאנגען מרוב קדושת המצוה ער האט א לאנגע שמועס אז ס'איז געווען התפשטות הגשמיות און פון דאס זענען זיי אוועק.

**און** וואס קען זיך מען אראפלערנען פון די שני בני אהרן וואס נישט צו טון. איז די וואכעדיגע סדרה שטייט א פסוק וואס דער פסוק וועט אונז זאגן וואס מ'האט צו טון. ואל יבוא בכל עת אל הקודש, א איד דארף וויסן ער קען פליען גאר הויעך אין עבודת השם, מזבח אדמה תעשה לך, מזבח וועט מ'ארבעט אויף זיך אדמה זאל ער בלייבן אויף דער ערד תעשה לך און אזוי זאל ער דינען דעם אויבערשטען.

**אל** יבא בכל עת אל הקודש, מ'קען נישט אלעמאל זיין פארנומען מיט עבודת השם, אוודאי דארף מען זיין וואס מער פארנומען מיט עבודת השם, ס'איז דא דריי עמודי העולם, תורה עבודה און גמילות חסדים, אז א מענטש דארף זי אפרוען פון תורה און עבודה קען ער טון אין גמילות חסדים, און דאס איז די פשט אז די שני בני אהרן זענען אויסגעגאנגען מרוב קדושה.

**אונז** ווילן דאך אבער בלייבן לעבן כאטשיג ביז משיח'ס טאג, אונז ווילן דערלעבן משיח'ן, וואס איז די מספר פון לעבן הונדערט און צוואנציג יאר, אפס בלתך לימות המשיח, מ'זאגט אז אונז ווילן נישט ענדיגן אונזער לעבן מיט א אפס מיט די מספר פון הונדערט און צוואנציג, נאר גואלינו לימות המשיח אונז זאלן דערלעבן משיח'ן.

**מ'ווינטש** זיך אז מ'זאל לעבן ביז הונדערט און צוואנציג זאגט מען אפס בלתך מ'זאל נישט ענדיגן די לעבן מיט א אפס די לעצטע מספר פון הונדערט און צוואנציג איז א אפס, נאר מ'זאל דערלעבן משיח'ן, גואלינו לימות המשיח און ס'זאל זיין ובלע המות לנצח.

**צוריק** צום ענין ווען א איד וויל זיך אויסליפטערן נישט זיין אזוי ווי די שני בני אהרן ואל יבא בכל עת אל הקודש, די חפץ חיים איז געווען א גאנצע קאלכעדיגע יאר וואס ער האט גארנישט געלערנט אלץ אינגל, די דאקטורים האבן אים געזאגט ער זאל גארנישט לערנען און ליינען א מעשה ביכלעך, ווייל ער איז געווען מורא'דיג אנגעשטרענגט פון זיין התמדה, ס'איז א מקובל'דיגע זאך מ'קען זיך נאכפרעגן, מ'דארף נישט בעטן פון די עולם זאלן זיך אפרוען ווייל יעדער רוהט זיך אפ, אבער אמאל איז דא גרויסע מתמידים וואס כדי צו בלייבן געזונט דארף מען קער נעמען פון זיך און דאס איז די עבודה פון עבודת השם מצליח צו זיין.

**בכלל** געפינט מען אין די חסידישע ספרים די בחינה פון והחיות רצוא ושוב, תענוג תמידי אינו תענוג, א מענטש קען נישט כסדר פילן א הנאה, הנאה הנאה הנאה, אין לערנען און עבדות השם, און עבודת השם קען נישט האבן א הנאה שטענדיג ווייל דאס איז נישט קיין תענוג, שטלעט ענק פאר איינער לעקט אייזקרים פאר א שעה נאך א שעה, ס'איז נישט קיין תענוג. נאך א שטיק צייט ווערט עס נמאס. עבודת השם איז נישט שייך זאל נמאס ווערן אבער אויב מ'וועט כסדר האבן תענוג וועט מען אויסגיין פאר דעם תענוג.

**די** נעקסטע יום טוב איז ל"ג בעומר און מ'דארף שוין מאכן די הכנה יעצט, יעדער ווייסט וואס ס'איז געשען פאר א יאר איז לכאורה בדרך הטבע וועט נישט זיין אזא געפארעכטץ ווי אלע יארן אבער ס'וועט יא זיין א געפראכטעץ מיט א אייגעהאלטנקייט, און די הייליגע תנא רבי שמעון בר יוחאי זאל שוין פאר אונז פוילן אלעס.

**לעצטענס** איז געווארן א געפראכטץ צום ציון פון באבובער רב ז"ל, איך דערמאן זיך יעצט א מעשה פון גמילות חסדים, נאך די פטירה פון באבובער רב בעל דברי שלמה, זיין זון האט איבערגענומען די כתר ההנהגה אין די שבעה איז אריינגעקומען א סאטמאר'ע איד און האט דערציילט אזא מעשה, ס'איז געווען א איד אין באבוב וואס איז ל"ע געווען א שכור, איין טאג ס'איז געווען א רעגענדיגע טאג, און ער האט זיך אנגעטרינקן און די סאטמאר'ע איד איז געווען א שכן זיינע און ער קוקט ארויס פון פענסטער און ער זעהט אז די איד ליגט אין בלאטע האט ער אנגערופן באבובער רב און געזאגט איך וואלט גערופן א עסקן אבער איך ווייס נישט וועם צו רופן און איינער דארף ראטעווען די משפחה.

**באבובער** רב איז אנגעקומען דארט און נישט מער און נישט וויניגער ער לייגט זיך אראפ לעבן די איד וואס איז געלעגען אין די בלאטע און ער פראבירט אים ארויסצושלעפן פון דארט, און ער האט געארבע צען פופצען מינוט אים ארויסשלעפן פון די בלאטע און אים אריינעמען אין שטוב. און כאילו לא היה קיינער האט נישט געוויסט פון די מעשה.

**מ'רעדט** נישט אז די עולם זאל זיך גיין דרייען אין בלאטע מ'רעדט נאר וואס דאס מיינט טון חסד מיט א איד, אמאל איז דא ווען מ'ענדיגט לערנען און מ'האט נישט וואס צו טון, קען מען עוסק זיין אין גמילות חסדים. מיר האפן אז כלל ישראל וועט שוין זיין אויף ל"ג בעומר אין ירושלים עיה"ק מיט משיח.